# בית-המדרש

## תקצ״ד-תרצ״ד.

ארויסגעגעבען דורך אברהם גליקסמאן.

# Bet-hamidrasz

## 1834—1934.

Wydawca: A. GLIKSMAN.

Częstochowa 1934.

Digitized by Project Zikaron
Touro University-NY Libraries
www.zikaron.tourolib.org
2025

# אונזערע ברידער אויף יענער זייט ים פאַר'ן בוי פון טשענסטאָכאָווער בית-המדרש.

אין ניו-יארק איז געשאַפען געוואָרען א קאָמיטעט צו העלפען בויען דאס טשענסטאָכאָווער נייע בית המדרש, וועלכער בעשטעהט פון צוויי סאָסייטיס טשענסטאָכאָווער און יונגמענס און פון דער ערשטער דזיאַלאָשינער חברה „אנשי בני אחים“.

אין קאָמיטעט געהען אריין פאָלגענדע פערזאָנען:

עפי (אברהם) סענדזער- טשערמאַן

ישעיה לייבער—קעשיער

מאַקס גליקסמאַן- סעקרעטער

עמנואל וואַרגאָן

יהודה הירש פייערטאג

לייביל לעווקאָוויטש

הרשיל וויען

מאַקס קאָרפיעל

משה ליקער

הרשיל פייערשטיין

שלמה וואָלקער.

Digitized by Project Zikaron
Touro University-NY Libraries
www.zikaron.tourolib.org
2025

# איינלייטונג.

---

היי·יאָהר, תרצ"ד, טרעט·אַריין דער היגער שטאָדטישער בית·המדרש און הונדערטסטען יאהר פון זיין עקזיסטענץ.

מיט הונדערט יאהר צוריק, אין תקצ"ד (1834), האט די טשענסטאכאווער קהלה געצעהלט קוים עטליכע הונדערט יודען. אחוץ דער שוהל איז נישט געוועזן א מקום קדוש, וואו צו דאַווענען; צו לערנען איז לחלוטין קיין אָרט נישט געוועזן. ערשט אין יאָהר תקצ"ד איז לויט דער איניציאַטיוו פון די דעמאָלסדיגע ראשי·הקהלה: לייבעלע קאָהן, גרשון לאַנדוי (דער גרויסער גרשון) און יודל רייכער, מיט אַ קאָמיטעט פון זעקס נכבדי·העיר, אויפגעבויט געוואָרען דער שטאָדטישער בית·המדרש, וועלכער איז ביז היינט·צו·טאָג נישט געענדערט געוואָרען, ענטשפרעכענד צו די יעצטיגע בעדינגונגען.

פערשידענע ענטוויקלונגס·עטאַפּען האט דער בית·המדרש אין פערלויף פון די דאָזיגע הונדערט יאָהר אדורכגעמאַכט. בעוואוסטע רבנים און לומדים האבען גאַנצע טעג און נעכט געלערנט בהתמדה אין בית·המדרש, וועלכער האט בעוויזען אין משך פון זיין עקזיסטענץ ארויסצוגעבען אזעלכע גאונים, ווי: הרב ר' אברהם יענעווער ז"ל—דער מחבר פון „צלותא דאברהם", ראש·בית·דין אין קראָקע מיט זיבעציג יאָהר צוריק; הרב ר' יונה לאַנדוי ז"ל, שטשעקאָטשינער רב, הרב ד"ר מאיר לערנער ז"ל, אלטאָנער רב; ר' נחמי' לאַנדוי ז"ל, לאַנגיעהריגער טשענסטאָכאווער דיין; ר' יצחק מאיר האכערמאַן ז"ל, אָסטראָווצער ראב"ד, ווי אויך פיעל אַנדערע מורי·הוראה, גדולי·תורה און מחברים.

אחוץ תורה האט מען זיך אין בית·המדרש פיעל אָבגעגעבען מיט עבודה: זומער·צייט, בעת ס'האט נאָר אָנגעהויבען צו טאָגען, און ווינטער, אין די פריה·שעה'ן, ווען ס'איז נאָך טונקעל געווען, פלעגען זיך אין בית·המדרש צונויפקומען די מיטגלידער פון דער חברה „שומרים לבוקר", אויסגעזאָגט אַ יום תהלים בצבור, דערנאָך האבען געדאַווענט עטליכע מנינים

כסדר — ביז׳ן האלבען טאג.

דער בית המדרש איז דאסגלייכען געווען א מקום-מקלט פאר ארימע יודען, בפרט ווינטער-צייט, בעת אין זייערע וואוינונגען האט געהערשט א גרויזאמע קעלט און פינסטערניש; זיי האבען דארט געגאסען פון דער ווארימקייט און ליכטיגקייט פונ׳ם בית-המדרש, צוהערענדיג זיך צום קול-התורה פון די בחורים.

א שעהן, הארציג, ליכטפול בילד האט מיט זיך פארגעשטעלט דער דעמאלסדיגער בית-המדרש. דער זיסער קול-התורה פון די בחורים, דאס דאווענען פון די בעלי-בתים, די הארציג-טרויריגע נגונים פון די ארימע בעלי-מלאכות, וועלכע האבען זייער ביטער הארץ און צובראכען געמיט אויסגעגאסען אין תהלים-זאגען, האבען יעדען יוד ארייגעצויגען אינ׳ם בית-המדרש, פערשאפענדיג איהם א גרויסען עונג-רוחני.

ליידער אבער איז מיט דער צייט דער קול-התורה אינ׳ם בית-המדרש געווארען וואס אמאל שוואכער, אזוי, אז ביים היינטיגען טאג ווערט דארט אין משך פון דער גאנצער וואך נישט געלערנט; אויך די עבודה, דאס דאווענען, קומט נישט פאר ווי אמאל: מעהר ווי איין-צוויי מאל טעגליך ווערט אין בית-המדרש נישט געדאווענט.

וואסערע סבות אייגענטליך האבען גורם-געווען צום דאזיגען טרויריגען מצב?

אין משך פון דער צייט זענען אלע טשענסטאכאווער קהלה׳שע בנינים און אינסטיטוציעס רעמאנטירט, פערשענערט און פערגרעסערט געווארען. די שטאדט-שוהל, למשל, וועלכע איז אויפגעבויט געווארען אין יאהר תק״ע, איז מיט זיבעציג יאהר שפעטער, אין יאהר תרל״ט (1879), צווייפאכיג פערגרעסערט און פערברייטערט געווארען. מיט עטליכע יאהר צוריק איז זי פונדאסניי רעמאנטירט געווארען, וואס עס האט אבגעקאסט דער קהלה אנ׳ערך פערציג טויזענד גילדען.

די פריהערדיגע מקוה, וועלכע איז אויפגעבויט געווארען איינצייטיג מיט׳ן בית-המדרש, איז מיט צוואנציג יאהר צוריק פולשטענדיג ליקווידירט געווארען, און אנשטאט איהר, האט מען אויפגעשטעלט א נייעם מקוה-בנין, אין וועלכען די קהלה האט אינוועסטירט צירקא הונדערט-און-פופציג טויזענד רובל.

אזוי זענען כסדר אין טשענסטאכאוו אויפגעבויט געווארען פערשידענע קהלה׳שע בנינים, ווי תלמוד-תורה, האנדווערקער-שול,

תלמוד־תורה־„מחזיקי הדת״, יורישער שפיטאַל, מושב־זקנים און בית־יתומים, הכנסת־אורחים, אַכראַנקע א. אנד. — אַלעס לויט׳ן לעצטען וואָרט פון דער טעכניק און היגיענע.

איינס איז אַבער, ליידער, געבליבען הינטערשטעליג — דער אַלטער שטאָדטישער בית־המדרש, וועלכער איז, זייט׳ן יאהר תקצ״ד ביז תרצ״ד, נישט געענדערט געוואָרען, געפינענדיג זיך אין זעהר אַ קלאַגעדיג־שפּל׳דיגען מצב — און דאס האט פערורזאכט, אַז דער קול־התורה פון די בחורים איז דאָרט ענטשוויגען געוואָרען.

בכדי צו באַנייען דעם קול־התורה אינ׳ם בית־המדרש, איהם צו דערהאַלטען און בעפעסטיגען איצט לדורות; בכדי צו ערמעגליכען די בחורים און לומדי־תורה צו האַבען אַ ברייט, בעקוועהם אָרט, וואו צו לערנען, און דאסגלייכען פאַר די בעלי־בתים אַ מקדש־מעט — צום דאַוונען — איז לויט דער איניציאַטיוו פון היגען רב ר׳ נחום אש שליט״א צונויפגעשטעלט געוואָרען אַ קאָמיטעט פון אָנגעזעהענע בעלי־בתים, וועמען דער ענין בית־המדרש איז טייער און נאָהנט צום הארצען און וועלכע האַבען גענומען אויף זיך די אויפגאַבע צו פערגרעסערן און פערשענערן דעם שוין הונדערט־יאָהר־עקזיסטירענדען בית־המדרש — לויט׳ן לעצטען וואָרט פון דער טעכניק און היגיענע.

עס אונטערליגט קיין שום ספק נישט, אַז די היגע יודישע בעפעלקערונג וועט אַרויסווייזען גרויס פערשטענדניש פאַר דער דאָזיגער וויכטיגער און הייליגער אונטערנעהמונג, און דער מאהן־רוף פונ׳ם געשאַפענעם קאָמיטעט, מיט׳ן חשוב׳ן רב אין דער שפּיץ, וועט געפינען אַ שטאַרקען אָבקלאַנג אין הארץ פון יעדען טשענסטאָכאָווער יוד, אין וועלכען עס איז נאָר פערהאַן אַ פונק פון ליעבע צו תורה ועבודה.

עס איז צו האָפען, אַז יעדער טשענסטאָכאָווער יוד וועט זיך פּריינוויליג בעשטייערען, לויט׳ן יכולת, לטובת דעם דאָזיגען צוועק, בכדי צו פעראייביגען זיין נאָמען אינ׳ם הונדערט־יעהריגען בית־המדרש־פנקס, אום דער קאָמיטעט זאָל קענען אין אַ קורצער צייט קומען צו דער היגער יודישער בעפעלקערונג מיט׳ן אויסרוף:

מרבים העם להביא!

הרב נחום אש
אבד"ק טשענסטחוב.

# בית־המדרש.

## (אין צוזאמענהאנג מיט'ן הונדערט - יעהריגען יובל פון היעגען בית־המדרש און זיין ווידער־אויפבוי).

וואסערע ראָל האט געשפּיעלט דער בית־המדרש אין'ם יודישען לעבען אין דער ווייטער פערגאַנגענהייט?

דאס ערשטע מאָל געפינען מיר אין דער תורה „בית־המדרש" אונטער'ן נאמען „אהל"; אויפ'ן פסוק — וימהר אברהם „האהלה" (בראשית י"ח), זאָגט דער זוהר הק': מה „האהלה"? — בית המדרש. אויך אויפ'ן פסוק: ויבוא„ האהלה" (שמות י"ח, ז') — ערקלערט די מכילתא: זה בית־המדרש. ווייטער — ויעקב איש תם יושב „אהלים" (תולדות), זאָגט רש"י: „אהלו" של שם „ואהלו" של עבר. דאָרט, אין מדרש, אויפ'ן פסוק: ויגדלו הנערים — אמר ריש לקיש: משל ליעקב ועשו — כך כל י"ג שנים שניהם הולכים לבית־הספר, ואחר י"ג שנים — זה הולך לבית־המדרש. אדם כי ימות באהל — אין דברי־תורה מתקיימים אלא במי שממית עצמו עליה ב„אהל" (ברכות ס"ג, ב'). מה טובו „אהליך" יעקב — ביקש שלא יהי' להם בתי כנסיות ובתי־מדרשות (סנהדרין ק"ה ב'). דער בית המדרש ווערט טיילמאָל אָנגערופען „בית־תלמוד", שמשם תצא הוראה (רש"י בשם מדרש־אגדה בראשית, מ"ו, כ"ח). עס ווערט אויך גערופען „בית גדול", דאס גרויסע הויז, ווייל דאָרט ערציהט מען צו תורה ותפלה (מגילה כ"ז), ווי אויך: „בית הועד" (ירושלמי, ברכות, פרק ד' ה"א ופסחים פ"א, ה"א).

איך בין דאָ אויסען אויפצוווייזען, ווי צאָהלרייך ס'זענען געגריינדעט געווארען און פונאנדערגעוואַקסען זיך די בתי־מדרשים אין די אַלטע צייטען ביז היינט, ווי אויך זייער ציעל און אויפ־גאַבען אין לעבען פון יודען אַלס פאָלק, וואס היט און פלעגט די תורה. ווי בעוואוסט, איז די תורה געגעבען געווארען אויפ'ן בארג סיני בכתב ובעל־פה: תורה שבכתב און תורה שבעל־פה. די תורה שבכתב ענטהאַלט די פינף חומשים; די תורה שבעל־פה— משנה און גמרא. די תורה שבעל־פה איז אַ פירוש, אַ קאָמענ־

טאַר אויף דער תורה שבכתב, דאס הייסט, אַז אין דער תורה שבכתב זענען די מצוות און דינים, ווי למשל: מילה, שחיטה, תפילין א. א. וו., געשריבען געוואָרען קורץ, אין אַלגעמיינע שטריכען, וואס עס נויטיגט זיך ערשט אין אַנ'אויספיהרליכער און גענויער אויפקלערונג דורך דער תורה שבעל־פה. זעלבסטפערשטענדליך, אַז ביי דער אויפקלערונג פון די פרטים האבען נישט געקאנט אויסגעמיטען ווערען קיין מיינונגס־פערשידענהייטען — און דער ענטוויקלונגס־גאנג האט זיך טאַקי אויסגעצייכענט מיט פערשידענע קאמפליקאַציעס און דיפערענצען, פלוגתות און מחלוקות'ן, אַזוי, אַז עס האט זיך דערוועקט די פראגע: היות ווי עס ענטשטעהן מיינונגס־פערשידענהייטען אין דער ערקלערונג פון דער תורה: מאַנכע זענען מתיר און מאַנכע אסר'ן; טייל זענען מטהר און טייל זענען מטמא — ווי אַזוי איז, אַלזא, מעגליך צו דערגעהן דעם ריכטיגען אמת? ס'איז דעריבער פעסטגעשטעלט געוואָרען אַ פרינציפ: „אחרי רבים להטות" 1) — ביי יעדען ענין פון דער תורה, וואו עס וועלען ענטשטעהן חילוקי־דעות צווישען די חכמים, זאלען זיך די חכמי־התורה צונויפקומען אין איין צענטער, בכדי דעם ענין ווי געהעריג צו בעהאַנדלען און דיסקוטירען; יעדער זאָל אַרויסזאָגען זיין מיינונג, און לויט דער מעהרהייט דעות, דאַרף די הלכה און פירוש דעצידירט און פעסטגעשטעלט ווערען. אט דאס אָרט, וואו די דאָזיגע פערזאַמלונגען פון אונזערע חכמים זענען פאָרגעקומען, האט געטראָגען דעם נאמען: בית־המדרש. די דאָזיגע אַלע וכוחים און פערהאַנדלונגען זענען צונויפגעקליבען געוואָרען פון דור צו דור אַלס הלכות און פירושים, אַזוי, אַז דאס אַלעס צוזאַמען בילדעט איין פעסט־צעמענטירטע איינהייט, וועלכע רופט זיך: משנה און גמרא. נישט אַזוי לייכט אָבער איז אָנגעקומען דאס דאָזיגע צו פערפאַסען. אין דער פערפאַסונג האבען זיך בעטייליגט 276 תנאים און 1932 אמוראים. זייט'ן שרייבען די משנה ביז'ן ענדיגען די גמרא האט געדויערט דריי־הונדערט און איין יאהר; בלויז צו פערפאַסען די גמרא, פון אנהויב ביז ענדע, האט פערנומען 80 יאהר צייט. אין אזוי פיעל צייט, מיה און מענשען האט זיך גענויטיגט דאס צוזאַמענשטעלען און רעדאַגירען די תורה שבבעל־פה, וועלכע איז אַנ'אונטיילבארער חלק פון דער תורה שבכתב.

זייט דעמאלס זענען די דורות שוואכער געוואָרען, די מוחות—

1) זעה: חגיגה ג' ב' און ח"א למהרש"א.

בעגרעניצטער, די הערצער—טעמפער, די שכחה האט זיך פערגרעסערט, פערשטארקט; די שפעטערדיגע דורות זענען וואס אמאל נידריגער אין יריעת־התורה,[1] אזוי, אז וואס ווייטער, אלץ מעהר נויטיגט זיך יעדער אנקומענדער דור אין נייע ערקלערונגען און קאמענטארען אויף די חידושי־תורה פון פוריגען דור. אלס פועל־יוצא פון דאזיגען גייסטיגען צושטאנד קומט־אויס, אז אין יעדען דור ענטוויקלען זיך מיינונגס־פערשידענהייטען אין פירושים און הלכות פון די דיני־תורה, וועלכע עס קענען דעציזירען און פעראייניהייטליכען נאר געמיינזאמע פעריהאנדלונגען פון תלמידי־חכמים, וואס קומען צום אויסדרוק דורכ׳ן פערזענליכען דורכרעדען זיך, אדער אין דער פארם פון ספרים און שאלות־ותשובות. צום דאזיגען צוועק זענען, זייט דער חתימת־התלמוד ביז איצט, פערפאסט און ארויסגעגעבען געווארען אונצעהליגע טויזענדער ספרים, וואס עס ווערט היינט צו־טאג ווייטער פארטגעזעצט, ווי דער קלוגער שלמה האט עס פאראויסגעזאגט: „צו דער פערפאסונג פון ספרים וועט קיינמאל נישט נעהמען קיין ענדע״ (קהלת י״ב).

* * *

פון אייביג־אן האט דער בית־המדרש געגאלטען און זיך אויך גערופען: ערציהונגס הויז [2], ווייל מען ערציהט דארט צו תורה און תפילה, דער בית־המדרש פערטרעט אויך דעם אמאליגען בית־המקדש [3].

שטענדיג האבען יודען געהאט אין די גרויסע שטעדט א סך שוהלען און בתי־מדרשים. פיר הונדערט שוהלען זענען געווען אין דער שטאדט ביתר [4] און אין יעדער שוהל האבען געלערנט פיר הונדערט תלמידים; דריי הונדערט פיר און נייניציג שוהלען און בתי־מדרשים זענען געווען אין ירושלים [5] און שפעטער זענען צוגעגעבען געווארען זיבען הונדערט בענק [6]

דער סדר, די איינריכטונג, איז געווען לויט אלע היינטיגע, מאדערנע פארערונגען, ביי דער טהיר איז געשטאנען א שמש, וועלכער האט נישט אריינגעלאזט די יעניגע, וואס האבען נישט

1) אם הראשונים כמלאכים, אנו כבני־אדם וכו׳ (שבת קי״ב).

2) בית־המדרש היה נקרא בית־גדול, לפי שמגדלין בו תורה ותפילה (מגילה כ״ז)

3) ואהי להם למקדש מעט—אלו בתי־כנסיות ובתי־מדרשות שבבבל (שם כ״ט)

4) ארבע מאות בתי־כנסיות היו בכרך ביתר (גטין נ״ח)

5) כתובות ק״ד

6) ברכות כ״ח

געהערט צו די בית־המדרש־תלמידים [1]. (דרך־אגב: ווער עס האט דעם שמש נישט אריינגעשטעקט א מטבע אין דער האנד, דעם האט ער נישט אריינגעלאזט, פונקט ווי אין דער היינטיגער מאדערנער צייט... [2]).

ווער עס האט מבלבל־געווען און געשטערט דאס לערנען, דעם האט מען ארויסגעבעטן פונ'ם בית־המדרש [3]. פונדע־סטוועגן אבער, אין שייכות מיט'ן בעוואוסטען „מנוול" (יצר־הרע), איז געזאגט געווארען: אויב עס האט דיך בעגעגענט דער מ נ ו ו ל, ציה איהם אריין אין בית־המדרש [4], ווארום מען איז געווען זיכער, אז דער יצר־הרע וועט נישט האבען קיין גרויס חשק צו געהען אין בית־המדרש, וועט מען אזוי־ארום פון איהם פטור־ווערען.

עס זענען איינגעפיהרט געווארען צוואנגס־שולען.
מען האט געצווינגען צו לערנען אין בית־המדרש [5].

עס איז פערפאסט געווארען א ספעציעלע תפילה ביים אריין־און ארויסגעהען פונ'ם בית־המדרש [6]. עס איז ארויסגע־געבען געווארען א בעפעהל: ווער עס וויל אריינגעהן בשעת'ן לערנען — קען אריינגעהן, דאגעגען אבער ארויסגעהן—נישט [7].

איבערהויפט עס זענען געווען פארגעזעהען שטרענגע מיט־לען, וואס זאלען צווינגען צו לערנען, ווי איך — געגען די שטערער, פונדעסטוועגען אבער איז על־פי־רוב נישט געקומען דערצו, אז מען זאל דארפען אנווענדען די דאזיגע מיטלען. דא־געגען, האט מען זיך בענוצט מיט גוטע רייד און מאראלישע אויפקלערונגען וועגען צוועק און נוצען, וואס עס ברענגט דאס לערנען אין בית המדרש. זיי (די חכמים) האבען געזאגט: זוך ג–ט, וואו דו וועסט איהם געפינען, דאס הייסט: אין שוהל און בית־המדרש [8].

דאס וויכטיגסטע, וואס ג–ט האט אין זיין וועלט, איז ביי

1) ברכות כ"ח
2) יומא ל"ה, ב'
3) בבא בתרא כ"ג, ב'
4) סוכה מ"ב
5) סנהדרין ק"ה, ב'
6) ברכות כ"ח ב'
7) שבת י"ז
8) ירושלמי, ברכות, פ"ג

איהם די שוהל און בית־המדרש [1].

ווער עס געהט אוועק גלייך פונ'ם דאַוועגען און לערנט אינ'ם בית־המדרש, איז זוכה צו עמפּאַנגען די שכינה [2].

אזוי איז אויך אַריינגערעכענט געוואָרען צווישען די זאַכען, וואָס דער מענש עסט זייערע פּירות אויף דער דער וועלט און דאָס קערן בלייבט איהם אויף עולם־הבא — דאָס בעזוכען אין דער פריה און אין אווענד דעם בית המדרש.[3]

זיי האָבען געזאָגט: אפילו איין שעה דאַרף דער מענש נישט אויסמיידען דעם בית־המדרש [4] (דאָס בעציהט זיך זעלבסטפערשטענדליך אויף די, וואָס זענען בעזאָרגט מיט פּרנסה און זענען עוסק אין לערנען).

עס זענען געווען צוויי שמשים אין בית המדרש: איינעמ'ס אויפגאַבע איז געווען צו רופען אין בית המדרש אַריין און דעם צווייטענ'ס — צו דערמאַנען די תלמידים די שעה פון אַהיימגעהן. יעדער פון זיי האט געוואָלט זיין פון די שמשים, וואָס רופען אין בית־המדרש אַריין און נישט פון די, וואָס דערמאַנען אַהיימצוגעהן [5].

ר' אליעזר האט געזאָגט: מיין גאַנץ לעבען איז קיינער אין בית המדרש אַריין נישט געקומען פריהער פון מיר און נישט געווען אין בית המרדש לענגער פון מיר; שטענדיג בין איך געווען דער ערשטער און דער לעצטער [6].

איינער פון די חכמים, וועלענדיג אויפווייזען, ווי ווייט ס'איז אין זיין דור געלערנט געוואָרען אין די בתי־מדרשים, אונאויפהערליך, טאָג און נאַכט, האט ער זיך אויסגעדריקט: כותלי בית־המדרש יוכיחו [7] — דער שוויים אויף די ווענד בעווייזט, וויפיעל פאַרע ס'איז דאָ אַרויסגעלאָזט געוואָרען פון די מיילער פון די בית־המדרש־תלמידים בעת'ן לערנען.

**עס איז אויסגעפּאַרשט געוואָרען די סיבה, צוליב וואס די תלמידים האבען אמאל פערפעהלט צו קומען אין בית־המדרש.**

1) ברכות ח'
2) שם ס"ד
3) שבת קכ"ז
4) ברכות כ"ח, פסחים ק"ט
5) שבת קי"ח ב'
6) סוכה כ"ח
7) בבא מציעא נ"ט, ב'

ס׳האט אמאָל געטראָפען, אז ר׳ טרפון איז נישט געקומען אין בית-המדרש. צומאָרגענס אינדערפריה האט איהם בעגעגענט ר׳ גמליאל און געפרעגט: פארוואס ביזטו נעכטען נישט געווען אין בית-המדרש? דאס זעלבע האט פאַסירט מיט ר׳שמעון התימני און אנד [1].

די תלמידים, וועלכע זענען צוליעב א געוויסער סיבה נישט געקומען אמאָל אין בית-המדרש, האבען זיך פעראינטערע-סירט און נייגעריג געווען, וואס פאַר א הלכה מען האט מחודש-געווען אין בית המדרש [2].

וועגען יעדער שהערער שאלה אָדער הלכה, איז מען גע-גאַנגען אין בית-המדרש, כדי זי דאָרט אויפצוקלערען [3].

איינער פון די תלמידים האט אמאָל בעגעגענט זיינס א חבר, וועלכער איז דעם טאג נישט געקומען אינ׳ם בית-המדרש און איהם געזאגט: א שאָד, וואס דו ביזט נישט געווען אין בית-המדרש, וואו מען האט מחדש-געווען זעהר גוטע זאכען [4].

אויך צו יונגע קינדער, וועלכע האבען זיך געלערנט אין בית-המדרש, האט מען זיך געוואָנדען וועגען פערשידענע ער-קלערונגען [5].

די דיסציפלין איז אין בית המדרש געשטאנען אויף דער געהעריגער הויך, אזוי, אז ווען איינער האם א ניס געגעבען, האט מען נישט געטאָרט זאגען דאס וואָרט: „מרפא!" (צום גע-זונט!), כדי נישט צו שטערען די תלמידים אין לערנען [6].

מען האט מקפיד געווען אויף תלמידים, וועלכע האבען בעלעסטיגט מיט שאלות, וואס האבען נישט געהאט קיין דירעק-טען שייכות צום ענין פון לערנען [7].

ס׳האט אמאָל א תלמיד ארויסגעטראגען אין דער עפענ-טליכקייט אזאלכע ענינים פון בית-המדרש, וועלכע האבען נישט געדאַרפט ארויסקומען אין גאַס, האט מען איהם דעריבער ארויסגעהייסען פון בית-המדרש [8].

---

1) פסחים ע״ב, ביצה כ״א

2) חגיגה ג׳, קדושין מ״ד

3) שבת צ״ב, ביצה כ״ז ב׳, יבמות ע״ו ב׳, גיטין ס׳ ב׳ ע״ז ל״ד.

4) ב״ב נ״א

5) חגיגה ט״ו

6) ברכות נ״ג ב׳

7) מנחות ל״ז, ב״ב—כ״ד

8) סנהדרין ל״א

מען האט שטאַרק אַכט־געלעגט אויף די פעהיגקייטען פונ׳ם תלמיד אינ׳ם בית־המדרש, ווי אויך אויף זיין זיטליכער פיהרונג. זיי (די חז״ל) האבען געזאגט: מ׳דאַרף נישט לערנען מיט א זיטליך־פערדאַרבענעם תלמיד [1]. ווייטער — דער תלמיד, וואס איז אויסערליך אנדערש, ווי אינערליך, דאַרף נישט קומען אין בית־המדרש [2].

ס׳איז אמאָל געקומען א פרעמדער אין רבי׳ס בית־המדרש האט מען איהם ס׳ערשטע געפרעגט: ביזטו ווערט צו לערנען אין רבי׳ס בית־המדרש? [3]

אחוץ דעם, וואס דער בית־המדרש איז געווען דער צענטער פאַר לומדי תורה, איז ער אויך געווען א זאמעלפונקט פאַר בעלי־הבתים, וועלכע האבען נעפלעגט טאָג־טעגליך קומען אין בית־המדרש, דאַוונען, און נאָך דער תפילה אינדערפריה און צווישען מנחה־מעריב פערבראַכט ביים לערנען — ווער א בלאַט גמרא, ווער — משניות, עין יעקב, חיי־אדם און דאסגלייכען. די יעניגע, וועלכע האבען גאַרנישט געקענט לערנען, האבען געהאַט א „חברה תהלים״, חברה „שומרים לבוקר״, וואו זיי זענען זיך צונויפגעקומען און תהלים־געזאָגט, וואס ס׳האט דיזעלבע מדרגה פון לערנען.

אזוי איז דאס געווען אמאָל. די בתי מדרשים זענען געווען געדיכט בעזעצט און איבערפולט. דער גמרא און אנדערע הייליגע ספרים איז נישט „צו־וואויל־געווען״, ס׳איז זיי נישט געווען מקנא־צו־זיין; זיי זענען נישט געשטאַנען אין די שענק פעראיינזאמט, פערשימעלט און פערוועלקט; אויך נישט ווי א ציהרונג, אויסגעפוצט מיט גלענצענדע רוקענס, וואס ס׳וואָלט עדות־געזאָגט, אז זעלטען־זעלטען ריהרט זיך עמיצער צו זיי צו, ווי דאס איז מיר אויסגעקומען אמאָל צו זעהען אין א בית המדרש אין דייטשלאַנד. פערקעהרט: שטענדיג ריהרעוודיג, תמיד אין בעוועגונג, איבערגעהענדיג אונאויפהערליך פון איין האנד אין דער אנדערער; אָפט איבערגעמישט געוואָרען — נישט פערוואַרלאָזט און נישט פערנאַכלעסיגט — ספרים, וועלכע האבען זייער תוך און אינהאַלט אין לעבעדיגע הערצער אויסגעקריצט: משניות׳ן, עין־יעקב׳ס, חיי־אדמ׳ס, תהלים־בלעטלעך, דורכגעזאַפטע

1) שבת קכ״ו, ב׳

2) ברכות כ״ח

3) יבמות ק״ה, ב.

מיט טרעהרען, דורכנעוועבטע מיט תפילות פון צעבראָכענע הער-צער און שווערע געמיטער. די בית-המדרש-ווענד זענען נישט דורכאויס געווען בעפוצט מיט קינסטלערישע בעציהרונגען; אַפט זענען זיי בעדעקט און פערשוואַרצט געוואָרען מיט אַ געדיכטען שוויים פון די לערנער און מתפללים; דורכגענעצט מיט דער פּאַרע פון די מיילער פון די לומדים און דאַוונער — טיילמאָל אויך איז די לופט פון בית-המדרש געוואָרען דאַדורך אַ שטי-קענדע און געדעמפּטע. און דאָך — ווי ליעב, ווי האַרציג און נשמה'דיג, ווי טייער איז דער בית המדרש געווען פאַר יעדען יוד. ביים יוד האָט דער בית-המדרש געגאָלטען אַלס זיין צווייטע היים — מה טובו „אהליך" (בית-המדרש) יעקב, משכנותיך (היים) ישראל! ער האָט געלעבט, געאָטעמט אינ'ם בית-המדרש, נישט ווייניגער, ווי אין זיין אייגענער וואוינונג.

אין צייטען פון פרייד און לייד, אין מאָמענטען פון שמחות און פּיין, איז דער בית-המדרש געווען דאָס איינציגע אָרט, וואו-הין מען האָט זיך געווענדעט. אָט דאָרט האָט דער יוד אָבגע-געבען אַ שבח והודיה, בעת זיין פרייד און גליק; דאָרט האָט ער אויסגעגאָסען זיין ביטער האַרץ, זיין צובראָכען געמיט; דאָרט האָט ער געפינען טרייסט און האָפנונג, געשעפּט מוט און פרישע כחות אין איטליכער עת צרה און אומגליק — זיין גאַנץ לעבען, די גוטע, ווי די שלעכטע פּאַסירונגען, אַלע פרייד-געפיהלען און טרויער-מאָמענטען זענען דאָרט געקומען צום אויסדרוק. אָבער נישט דאָס איז ס'גאַנצע: די ווירקונג פון בית-המדרש האָט זיך פערברייטערט און אַנגעצייכענט די וועגען אויך אין אויסערליך-וואָכעדיגען לעבען פונ'ם יוד — אַזוי אין דער היים, ווי אויף דער גאַס. דעם גאַנצען טאָג, ביי איטליכען ווענד-און-קעהר, ביי אַלע זיינע מעשים — איז דער גייסט פון בית-המדרש געווען דער רעגולאַטאָר און וועג-ווייזער אין זיין לעבען. דער יוד האָט זיך געריכטעט לויט די הלכות (פּאַרשריפטען), וועלכע ער האָט אין בית המדרש איינגעזאַפּט אין זיך, אַזוי, אַז ער איז געווען בפועל-ממש אַ „שונה הלכות בכל יום", ס'הייסט: ער האָט דעם גאַנצען פעליגען טאָג אַזויערנאָך ווידערגעהאָלט די הלכות און דינים, וועלכע ער האָט מקבל - געווען אין בית-המדרש.

מיט שטאָלץ האָבען זיך יודען געווענדעט צום אויבערשטען און געזאָגט: לכה דודי נצא השדה — נשכימה לכרמים: אלו

בתי־כנסיות ובתי־מדרשות; נראה אם פרחה הגפן — אלו בעלי־מקרא; פתח הסמדר — אלו בעלי־משנה; „הנצו הרמונים — אלו בעלי־גמרא; שם אתן את דודי לך — אראך כבודי וגודל שבח בני ובנותי (עירובין כ"א, ב') — קום מיין פריינד, וועל איך דיר ווייזען די מחנות בחורים, וועלכע זיצען געדיכט אַרום די טישען אינ'ם בית־המדרש, לערנען מיט גרויס התמדה תורה, מייסטענ־טייל מתוך הדוחק; זייערע זיסע גמרא־קלאַנגען פערהילכען די גאַסען; דאָרט וועסטו זעהען די בעלי־בתים, צאַהלרייך־פערזאַ־מעלטע יודען, זיצען און לערנען, יודען אויסגעמאַטערטע, אין זייערע מחות עגבערען ביטערע און שווערע דאגות־פרנסה, זיי־ערע הערצער בויערען און לעכערען פערשידענע זאָרג און ליי־דען; דאָרט וועסטו הערען די אַנגענעהמע, טרויריגע קולות פון די פערהאָרעוועטע און פערשוואַרצטע בעלי־מלאכות — תהלים־זאָגער.

---

אזוי האָט דער בית־המדרש אויסגעזעהען אין דער ווייט־נאָהנטער פערגאַנגענהייט; אזא אונגעהויער־גרויסע ראָל האָט ער געשפּילט אינ'ם יודישען לעבען.

און — היינט?

הקולות יחדלון!... די שעהנע, פּראַכטפול־הערליכע קלאַנגען פון לערנען האָבען, ליידער, אויפגעהערט; די האַרציגע טרויריגע ניגונים פון „שומרים לבוקר" און תהלים־זאָגער וועקען און ריהרען שוין נישט מעהר די הערצער פון די צוהערער. די נשמות זענען פערפרוירען און פערגליווערט — נישטאָ מיט וואס זיי אויפצוואַרימען און אויפצולעבען; דער ברען, דאס הייליגע פייער, וואס דער בית־המדרש האָט אמאָל פונאַנדערגעפלאַקערט אין די יודישע הערצער — פעהלט; די ספרים־שענק זענען איינזאַם, עלענד און פוסט; דאס ביסעל ספרים, וואס זענען נאָך פערבליבען, שטעהען פערשעהמטע, צעריסענע און פערלאָזטע — זעלטען עס קוקט ווער אין זיי אריין.

אנ'אימה בעפאַלט דעם מענש, אַבסערווירענדיג דאס אַלץ. ווילענדיג־נישט־ווילענדיג רייסט זיך ארויס פון האַרצען א שמערצ־פולער רוף: וואו זענען אהינגעקומען די אַלע יונגעלייט, בחורים, וועלכע האָבען פערפולט די בענק פון די בתי־מדרשים?! וואו זענען אהינגעקומען די בעלי־הבתים, וואס האָבען אינדערפריה, נאָכ'ן דאַווענען, אַוועגד־צייט, צווישען מנחה־מעריב, געלערנט, אָדער געהערט לערנען; שבת נאָכמיטאָג — געהערט א דרשה,

א דין; וואס איז געווארען מיט די געוועהנליכע יודען: „שומרים לבוקר״, תהלים־חברות, וועלכע האבען זיך אזוי אפט פערזאמעלט אינ׳ם בית־המדרש? זאל דאס זיין א פועל־יוצא פון דער שטארק־פערצווייגטער פארטייאישקייט, וועלכע בעהערשט אזוי די מוחות אין אונזערע צייטען? אבער נישט דא איז דאס ארט וועגען דעם צו רעדען און אבצושאצען דעם גרויסען שאדען, וואס דאס האט שוין פעראורזאכט דעם יודישען פאלק.

שובה ישראל!

צוריק, יודען, צוריק צום אלטען בית־המדרש, דארט וועט איהר צוריקגעפינען מוט, קראפט, האפנונג — אין אלע אייערע ליידען און פיין. ליידער, אבער, מוז איך דא, אין מיטען דעריגען איבעררייסען, דערמאנענדיג זיך, אז מיר אין טשענסטאכאוו, בעזיצען נישט א געהעריגען בית־המדרש, וואס זאל ביי די היינטיגע בעדינגונגען זיין פאסיג און ענטשפרעכענד צו די אויפגאבען, וועלכע איך האב אויבען דערמאנט.

בעפאר איך טרעט־צו ווייטער צו שפינען דעם פאדים, וועלכען כ׳האב אנגעפאנגען, געפין איך פאר וויכטיג קודם כל זיך צו פערנעהמען מיט דער פראגע: וואסערע מיטלען זענען נויטיג, בכדי אויפצובויען אין טשענסטאכאוו א געהעריגען, פאסיגען בית־המדרש?

ווי קומט מען דערצו?

אדרבה, בעלי־הבתים, טשענסטאכאווער יודען, זוכט מיטלען, גיט אנ׳עצה, ווי־אזוי דאס צו פערווירקליכען?!

# די ערשטע גרינדונגס־אסיפה וועגען אויפבוי פון א נייעם בית־המדרש תקצ"ד – 1834.

אין יאָהר תקצ"ד (1834) האָט די יונגע טשענסטאָכאָווער קהלה, וועלכע האָט ערשט עקזיסטירט אַנ'ערך פינף און דרייסיג יאָהר, בעזיצט נור איין מקום תפילה – די שוהל, ווי אויך א קליינעם בית־המדרש, וואו עס איז געדאַווענט געוואָרען הויפּט־זעכליך ווינטער, ווארום אין דער שוהל איז אוממעגליך געווען אָבצוריכטען די תפילות צוליב דער קעלט. וואו צו לערנען – איז איגגאַנצען נישט געווען קיין אָרט. אזוי אָבער, ווי אין פער־לויף פון דער צייט האָט זיך די יודישע בעפעלקערונג פערגרע־סערט, די צאָהל לומדי־תורה – פערפילפאַכט, האָט אונזער קהלה געפיהלט א מאַנגעל אין א גרויסען בית־המדרש.

ראש־חודש אדר תקצ"ד, איז לויט דער איניציאַטיוו פון ראש הקהל לייבעלע קאָהן צונויפגערופען געוואָרען א פערזאַמ־לונג, אין דער וואוינונג פון דאַמאַלסדיגען דאזאר גרשון לאַנדוי (דער גרויסער גרשון), פון אַלע נכבדי־העיר, אויף וועלכער עס איז בעשלאָסען געוואָרען אויפצובויען א גרויסען בית־המדרש מיט אַנ'עזרת־נשים. צום דאָזיגען צוועק איז אויסגעוועהלט געוואָרען א קאָמיטעט פון חמשה אנשים אין פאָלגענדען צוזאַמענשטעל: גרשון סגל לאַנדוי (דער קליינער גרשון), יצחק לייב בערמאַנסקי, יהודא לייב טענענבוים, אייזיק שמעון גינסבערג און מאיר מייזל, וועמענס אויפגאַבע ס'איז געווען צו פערנעהמען זיך מיט'ן בוי, ווי אויך – מיט'ן פערטיילען די פּלעצער, נאָכ'ן אויספערטיגען דעם בנין.

דעמזעלבען טאָג איז דורכ'ן היגען ראַבינאַט, וועלכער איז בעשטאַנען פון די דיינים: ר' משה מייזל (דירנפאַרטער רב), ר' נתן אָדערבערג און ר' יעקב אלי' ראַזען, ארויסגעגעבען גע־ווען א כּרוז, אז אַלע יודען זאָלען זיך פערזאַמלען ז' אדר אין בית־המדרש, בכדי אנטיילצונעהמען אין דער גרינדונגס־אסיפה וועגען בויען א נייעם בית־המדרש. אחוץ דעם כּרוז האָט דער שמש שני, ליפּמאַן פוקאַטש, מיט זיין טראַדיציאָנעלען שוהל־האַמער אָנגעקלאַפּט אין די טהירען און פענסטער פון אַלע בעלי־הבתים, כדי זיי צו דערמאַנען מקיים־צו־זיין דעם כּרוז פון בית־דין.

שעהן און אימפאזאנט האט אויסגעזעהען דער אָווענד פון ז׳ אדר תקצ״ד אין דער שוהל. אַלע טשענסטאָכאָווער יודען, אנשים, נשים וטף האָבען זיך דאָרט געפינען. עס זענען געהאַל־טען געוואָרען דרשות דורך די היגע ראבינאַט-מיטגלידער, ווי אויך דורכ׳ן היגען גביר און למדן הרב ר׳ יונה לאנדוי (שטשע־קאטשינער רב). אַלע טשענסטאָכאָווער יודען זענען אויפגע־פאָדערט געוואָרען צו נעהמען א חלק אינ׳ם בנין און צו שפענ־דען נדבות, לויט דער מעגליכקייט.

די דרשות האָבען געמאַכט א שטאַרקען רושם. אַלע — איינער נאָכ׳ן אַנדערן, האָבען זיך געמאָלדען מיט נדבות צו די קאָמיטעט-מיטגלידער, וועלכע זענען געזעסען ביי א פנקס, פער־לאַנגענדיג, אז מען זאָל זיי איינשרייבען אלס בית-המדרש-מיט־גלידער. אין משך פון א קורצער צייט, איז די געהעריגע סומע פאַר׳ן בנין געזאַמעלט געוואָרען. מען האָט אויפגעבויט דעם בית-המדרש, וועלכער עקזיסטירט ביז היינט-צו-טאָג אלס איינציגער שטאָדטישער בית-המדרש.

◁ □ ▷

# די ערשטע אסיפה וועגען אויפבוי פון א נייעם בית-המדרש תרצ״ד — 1934.

צוליב דעם טרויריגען און שפל׳דיגען מצב פון היגען שטאָד־טישען בית-המדרש, וועמענס 100-יעהריגער יובל פאַלט-אויס דאס יאָהר, איז לויט דער איניציאַטיוו פון היגען רב ר׳ נחום אש שליט״א, צונויפגערופען געוואָרען דאָנערשטאג כ״ה אייר ד. י. אנ׳אסיפה פון מעהרערע חשובי-ונכבדי-העיר, אויף וועלכער עס איז בעשלאָסען געוואָרען איבערצובויען און פערגרעסערען דעם בית-המדרש. צום דאָזיגען צוועק האט זיך געשאַפען א קאָ־מיטעט אין פאָלגענדען צוזאַמענשטעל:

יושב-ראש: דער רב שליט״א

עהרען-פרעזעס: לייב סוריקא

קאסירער: יוסף וויינריב.

בוי־קאָמיסיע:

פאָרזיצענדער: הענריק שפּאַלטען
מענדיל קאַפּינסקי
יוסף ווייגריב
יצחק בער ראָטבאַרד
יוסף קרויזע
אהרן בראָקמאַן.

פּראָפּאַגאַנדע־קאָמיסיע:

שמחה דזובאַס
הענריק שפּאַלטען
אברהם גליקסמאַן
יוסף באַדאַש, ש״ץ
משה אַש.

אויף דערזעלבער אסיפה איז בעשלאָסען געוואָרען: צו ווענדען זיך צו דער קהלה וועגען א הסכמה צו פערגרעסערען דעם בית־המדרש, אַרויפצוציהען א שטאָק פאַר אַן עזרת־נשים, ווי אויך — א זאַל צום לערנען.

בכדי צו פעראייביגען דעם אָנדענק פון 100־יעהריגען יובל פונ׳ם אַלטען בית־המדרש איז איינשטימיג בעשלאָסען געוואָרען צו שרייבען א ספר־תורה א. נ. „התורה והמדרש״, אין וועלכער אַלע טשענסטאָכאָווער יודען זאָלען האָבען א חלק.

עס ליגט דעריבער א הייליגער חוב אויף יעדען טשענסטאָכאָווער יוד צו קויפען א וואָרט, אָדער וועניגסטענס אַן אות, אום צו האָבען א חלק אין דער שטאָדטישער ספר־תורה, אזוי, אַז זיין נאָמען זאָל פֿלייבען דערמאָנט לדורות.

צום דאָזיגען צוועק זענען בעשטימט געוואָרען צוויי פנקסים: אין איינעם וועלען אַריינגעטראָגען ווערען די ווערטער אָדער אותיות און דער נאָמען פון דער בעטרעפענדער פּערזאָן; אין צווייטען — די סומען, וועלכע עס וועלען שפּענדען די מנדבים לטובת דעם אויפבוי פונ׳ם בית־המדרש.

DRUK. B. BOCIAN
CZĘSTOCHOWA
I-a ALEJA № 6.